געזאָגט: דאָס זענען נישט די רייד פֿון אַ באַזע־
סענעם מיט אַ בייזן גייסט. צי קען דען אַ בייזער
גייסט עפֿענען די אויגן פֿון בלינדע?
22 עס איז דעמלט געווען חנוכה אין ירושלים; עס
23 איז געווען ווינטער, און ישוע איז געגאַנגען אינעם
בית המקדש אין אולם של שלמה אַרויף און אַראָפּ.
24 און די יידן האָבן אים אַרומגערינגלט, און האָבן
געזאָגט צו אים: ביז ווען וועסטו אויסציען אונזער
נשמה? אויב דו ביסט דער משיח, זאָג אונז אָפֿן.
25 האָט ישוע זיי געענטפֿערט: איך האָב אייך שוין
געזאָגט, און איר גלויבט נישט; די מעשים, וואָס
איך טו אין מיין פֿאָטערס נאָמען, זיי זאָגן עדות
26 וועגן מיר. נאָר איר גלויבט נישט, ווייל איר זענט
27 נישט פֿון מיינע שאָף. מיינע שאָף הערן מיין
קול, און איך קען זיי, און זיי פֿאָלגן מיר נאָך;
28 און איך גיב זיי אייביק לעבן: און זיי וועלן
קיינמאָל נישט פֿאַרלוירן ווערן, און קיינער וועט
29 זיי נישט אַרויסרייסן פֿון מיינע הענט. מיין פֿאָטער,
וואָס האָט זיי מיר געגעבן, איז גרעסער ווי אַלע;
און קיינער קען זיי נישט אַרויסרייסן פֿון מיין
30 פֿאָטערס האַנט. איך און דער פֿאָטער זענען מיר
31 איינס. האָבן די יידן ווידער אויפֿגעהויבן שטיינער,
32 כדי אים צו שטייניקן. ישוע האָט זיי געענטפֿערט:
אַ סך מעשים טובים האָב איך אייך געוויזן פֿון דעם
פֿאָטער; צוליב וועלכער פֿון די דאָזיקע מעשים,
33 שטייניקט איר מיך? האָבן די יידן אים געענטפֿערט:
פֿאַר מעשים־טובים שטייניקן מיר דיך נישט, נאָר
פֿאַר חלול השם, און ווייל דו, זייענדיק אַ מענטש,
34 מאַכסט דיך פֿאַר ג־ט. האָט ישוע זיי געענטפֿערט:
צי שטייט דען נישט געשריבן אין אייער תורה:
איך האָב געזאָגט: איר זענט געטער? (תהלים פב, ו)